**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/2/2022 **גאווערנער קעטי האָוקול**

**גאווערנער האָוקול אנערקענט מידלטאון פאליציי אפיציר פאר אויסערגעווענליכע העלדישקייט בשעת'ן זיך געפונען אין גרויס געפאר**

***אפיציר עווין בּאראן ערהאלט דעם ניו יארק סטעיט פאליציי אפיציר מעדאל פון העלדישקייט, דער ערשטער אפיציר פון זיין אגענטור צו ערהאלטן די אויסצייכענונג***

***ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא גיבט איבער די אויסצייכענונג במקום גאווערנער האָוקול דורכאויס א צערעמאניע אין מידלטאון דעם אינדערפרי***

גאווערנער קעטי האָוקול האט היינט געמאלדן אז מידלטאון פאליציי דעפארטמענט אפיציר עווין בּאראן וועט געשענקט ווערן מיט'ן ניו יארק סטעיט פאליציי אפיציר מעדאל פון העלדישקייט פאר'ן ארויסווייזן אויסערגעווענליכע קוראזש און דרייסטקייט אין דינסט פאר זיין קאמיוניטי. אפיציר בּאראן איז געווען אויף א געווענליכע פאטראל ווען ער איז אפגעשטעלט געווארן דורך א פרוי וועמענס עקס-בויפרענד האט זיך אפגעזאגט פון פארלאזן איר הויז. סעקונדעס נאכ'ן זיך אפשטעלן צו העלפן, איז אפיציר בּאראן געשאסן געווארן, און טראצדעם וואס ער איז געווארן ערנסט פארוואונדעט, האט ער צוריקגעקערט פייער, שיסנדיג זיין אנגרייפער, און באשיצט די פרוי, עטליכע קינדער, און אנדערע ערוואקסענע וועלכע האבן צוגעזען די אומפראוואצירטע אטאקע. ער איז דער ערשטער אפיציר פון דער מידלטאון פאליציי דעפארטמענט צו ווערן אנערקענט מיט דער אויסצייכענונג, אויך באוואוסט אלס די גאווערנער'ס פאליציי אפיציר פון דער יאר אויסצייכענונג.

"טראצדעם וואס ער איז געווען ערנסט פארוואונדעט, האט אפיציר בּאראן ארויסגעוויזן אויסערגעווענליכע דרייסטקייט ביים זיך שטעלן אין געפאר צו האלטן ניו יארקער באשיצט," **האט גאווערנער האָוקול געזאגט.** "זיין שנעלע טראכטן און טון האט פארמיטן פון געשעדיגט ווערן דורכ'ן פארברעכער. מיר פארערהן אים פאר זיין קוראזש און דינסט, און מיר טון אויך אויסלויבן די טויזנטער פאליציי אפיצירן וועלכע ארבעטן איבערמידליך צו באשיצן ניו יארקער אין קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט."

"מידלטאון פאליציי אפיציר עווין בּאראן איז א מוסטער אויף וואס עס מיינט צו זיין א פאליציי אפיציר, און דאס איז די סיבה פארוואס ער ווערט צוגעטיילט די ניו יארק סטעיט פאליציי אפיציר מעדאל פון העלדישקייט," **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** "אין ליכט פון זיין ארויסווייזן אויסערגעווענליכע קוראזש און רואיגע דרייסטקייט זייענדיג אין געפאר, טוט אפיציר בּאראן ערליך פארדינען זיין אויסצייכענונג, און איך דאנק אים און זיינע קאלעגע אפיצירן פון דער מידלטאון פאליציי דעפארטמענט פאר זייער דינסט פאר די דאזיגע קאמיוניטי."

דעם אינדערפרי, האט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאדא געגעבן די אויסצייכענונג פאר אפיציר בּאראן במקום גאווערנער האָוקול דורכרויס א צערעמאניע ביים פערעמאונט טעאטער אין מידלטאון. די

אינצידענט פאר וועלכע דעם אפיציר איז באעהרט געווארן האט זיך אפגעשפילט אום אויגוסט 29, 2020, און פאריגע חודש האט א ריכטער פאראורטיילט דעם פערזאן פאראנטווארטליך פאר די אטאקע צו 58½ יאר ביז לעבנסלענגליכע טורמע. ביים נאמאנירן אפיציר באראון פאר דער 2020 אויסצייכענונג, האט די מידלטאון פאליציי דעפארטמענט צוגעשטעלט די פאלגענדע ערציילונג פונעם אינצידענט:

אפיציר באראון איז געווען אויף א געווענליכע פאטראל אלס טייל פון דער דעפארטמענט׳ס געגנט פארבעסערונג איינהייט, ווען ער איז אפגעשטעלט געווארן דורך א פרוי אינדרויסן פון איר הויז. ער האט זיך אפגעשטעלט, ארויס פון זיין אנגעצייכנטע פאטראל וויהיקל, און גערעדט מיט איר. די פרוי האט דערציילט פאר אפיציר באראון אז איר עקס-בויפרענד איז געווען אינעווייניג אין איר הויז, באוואפנט מיט א ביקס און אנטזאגט זיך איבערצולאזן. בשעת דער פרוי האט גערעדט מיט אפיציר באראון, האט איר עקס-בויפרענד ארויסגעשטורעמט פונעם פאדערשטן אריינגאנג ארויף אויפ׳ן גאניק, שיסנדיג מיט א 9mm האנטגאן. א קויל האט געטראפן דעם אפיציר׳ס לינקע ארעם און שטעקן געבליבן אין זיין קערפער פאנצער.

טראצדעם וואס ער איז ערנסט פארוואונדעט געווארן, האט אפיציר באראון צוריקגעקערט פייער און געשאסן זיין אנגרייפער מערערע מאל. דאן האט ער אוועקגענומען די ביקס, באשיצנדיג די פרוי מיט וועם ער האט גערעדט מיט און עטליכע דערנבנדע קינדער און ערוואקסענע. אפיציר באראון האט דאן גערופן פאר הילף, פארבינדנדן זיין ארעם צו אפשטעלן דאס בלוטיגונג און געווארט פאר מעדיצינישע הילף.

אפיציר באראון, וועלכע איז 28, האט לעצטנס אפגעצייכנט זיין פיפטע יאר פון דינסט אין דער מידלטאון פאליציי דעפארטמענט. מיטגלידער פון זיין פאמיליע און פאליציי קאלעגעס האבן אנטיילגענומען ביי דער צערעמאניע, אינאיינעם מיט ארטיגע און סטעיט ערוועלטע באאמטע און געזעץ אינפארסירונג פראפעסיאנעלן פונעם ראיאן.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (DCJS) קאמיסיאנערין ראזעננע ראסאדא האט געזאגט,** ״עס איז מיר א כבוד זיך צו באטייליגן מיט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאדא אין דאס איבערגעבן דעם דאזיגן אויסצייכענונג במקום גאווערנער האוקול. אפיציר עווין באראון׳ס זעלבסטלאזע אקט דערמאנט אונז אז אונזערע אפיציר שטעלן איין זייערע לעבנס יעדעס מאל זיי טון אן זייערע מונדירן און אז זיי זענען וויליג זיך צו מקריב זיין פאר אונזערטוועגן. מיר דאנקען אים און זיינע קאלעגעס פאר אלץ וואס זיי טון פאר מידלטאון און ניו יארק.״

DCJS ברענגט צוזאם די ארבעט פון דער אויסצייכענונג אויסוועלונג קאמיטע, וועמענס מיטגלידער פארטרעטן געזעץ אינפארסיר אגענטורן און פאליציי יוניאן פירער. די קאמיטע האט גענומען אין באטראכט נאמינאציעס פון 30 אפיצירן פון אכט פאליציי דעפארטמענטס און צוויי שעריפס׳ אפיסעס בעפארן אויסוועלן אפיציר באראון פאר דער אנערקענונג. זינט איר איינפירן אום 1984, איז די אויסצייכענונג געגעבן געווארן צו 122 אפיצירן פון 21 אנדערע אגענטורן.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקאופיס האט געזאגט,** ״איך וויל גראטולירן אפיציר באראון אויף זיין וואויל-פארדינטער אנערקענונג, און אים דאנקען מיט מיין גאנצע הארץ פאר זיין אומפארגלייכבארע דרייסטקייט אין דינסט צום מידלטאון קאמיוניטי. דערוועגן יונגער מאן איז אן אויסגעצייכנטער אפיציר. זיינע באמיאונגען באשיצן און סערווירן, אפילו נאכ׳ן אליין פארוואונדעט ווערן, זאל ווערן אפגעצייכנט דורכאויס זיין לאנגע קאריערע אינעם צוקונפט. די סיטי פון מידלטאון פאליציי און אירע אפיצירן האבן מיין אומוואקלדיגע שטיצע אין זייער ארבעט צו פארשטערקערן פובליק זיכערהייט.״

**אסעמבלי-מיטגליד עילין עם. גאנטער האט געזאגט,** ״איך בין שטאלץ צו גראטולירן אפיציר עווין בראון אויף דאס באשטימט ווערן אלס דעם 2020 ניו יארק סטעיט פאליצײ אפיציר פון דער יאר. זיין זעלבסטלאזע און קוראזשפולע פעולות האבן גראטעוועט די לעבנס פון אסאך ציווילע און צושויער. ער האט פארגעשטעלט אן אמת׳ע איבערגעגעבענע און זעלבסטלאזע דינסט צו די וועלכע ער איז איינגעשוואוירן צו באשיצן אינעם שטאט פון מידלטאון. איך קען נישט טראכטן פון קיינער וואס פארדינט מער די דאזיגע כבוד און איך בין זייער שטאלץ צו פארטרעטן אפיציר בראון, און אלע דרייסטע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן דורכאויס מיין דיסטריקט. קאנגראטולאציעס.״

**מידלטאון מעיאר דזשאסעף עם. דעסטעפאנא האט געזאגט,** ״מידלטאון איז היים צו אן אויסערגעוועגליכע גרופע פון ניו יארקער און אפיציר עווין בראון פארטרעט דאס בעסטע פון די בעסטע. מיר זענען שטאלץ אים צו האבן צווישן אונז, נישט נאר אלס אן אפיציר פון געזעץ, נאר אלס מיטגלידער פון אונזער קטמיוניטי. איך וויל באדאנקען אפיציר בראון און זיין פאמיליע פאר די הקרבות וואס זיי מאכן אונז צו האלטן אפגעהיטן, און אזוי אויך גאווערנער האוקול און ליוטענאנט גאווערנער דעלגאדא פאר׳ן אנערקענען אפיציר בראון׳ס בראווע אקט.״

**מידלטאון פאליצײ טשיעף דזשאן עוואנטשי האט געזאגט,** ״נאך וואס אפיציר בראון איז ערנסט געשעדיגט געווארן, האט די מידלטאון פאליצײ דעפארטמענט ערהאלטן אן איבערפלוס פון שטיצע פון אונזער קאמיוניטי און אונזערע געזעץ אינפארסירונג שותפים. אפיציר בראון׳ס העלדישקייט און דרייסטקייט זייענדיג אין געפאר טוט אנווייזן דאס אויסגעצייכנטע שטאפל פון קוראזש און איבערגעגעבנקייט וואס פאליצײ אפיצירן שטעלן פאר ווען זיי סערווירן זייערע קאמיוניטיס. איך האב א אייביגע דאנקבארקייט אז אפיציר בראון האט גענוצט זיין טרענירונג און ערפארונג צו שנעלערהייט אומפעיג מאכן א טויטליכע דראונג צו זיך און אומשולדיגע צושויער. מיר וועלן שטענדיג געדענקען זיין זעלבסטלאזיגקייט און איבערגעגעבנקייט פאר די איינוואוינער פון אונזער שטאט.״

אלע 29 אפיצירן וועלכע זענען נאמינירט געווארן אבער נישט אויסגעוועהלט געווארן פאר דער 2020 פאליצײ פון דער יאר אויסצייכענונג באקומען [סערטיפיקאטן פון אויסערגעוועגליכע העלדישקייט]() פון גאווערנער האוקול. [DCJS נעמט יעצט אן נאמינאציעס פאר דער 2021 אויסצייכענונג](). פאליצײ דעפארטמענטס און שעריפס׳ אפיסעס מוזן אריינגעבן זייערע נאמינאציעס צו דער אגענטור ביז פרייטאג, דעצעמבער 30, 2022.

**איבער דער דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס**

די [ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס]() איז א מולטי-פונקציע קרימינאלע יוסטיץ שטיצע אגענטור און האט פארשידענע ערליי פאראנטווארטליכקייטן, אריינגערעכנט געזעץ אינפארסיר טרענירונג; זאמלונג און אנאליז פון סטעיט-ברייטע פארברעכן דאטא; אויסהאלטונג פון פארברעכנס היסטאריע אינפארמאציע און פינגערפרינט פיילס; אדמיניסטראטיווע אויפזיכט איבער די סטעיט׳ס DNA דאטא-באנק, אין שותפות מיט די ניו יארק סטעיט פאליצײ; פינאנצירונג און אויפזיכט פון פראבעישען און קאמיוניטי קארעקשען פראגראמען; אדמיניסטראציע פון פעדעראלע און סטעיט קרימינאלע יוסטיץ געלטער; שטיצע פאר קרימינאלע יוסטיץ-פארבינדענע אגענטורן לענגאויס דעם סטעיט; און אדמיניסטראציע פון דער סטעיט׳ס סעקס פארברעכער ליסטע. פאלגט נאך דער אגענטור אויף [טוויטער]() און [פעיסבוק]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418